השלמה משנת תשפ"ג

מכון מעדני מלך

ווין

# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

פרשת שמות תשפ"ג לפ"ק

### דברי תורה שנאמרו לתלמידי הישיבה קטנה

יום ה' פרשת שמות תשפ"ג לפ"ק

**די** תורה פארציילט די גזירה וואס איז געווען אין מצרים, כל הבן הילוד היארה תשליכהו (שמות א-כב), און עס איז געקומען די צייט וואס משה רבינו איז געבוירן געווארן, האט מען אים אויך אריינגעלייגט אין וואסער. בתיה בת פרעה איז געקומען, און זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און זי האט ארויסגענומען משה רבינו פון די וואסער. ויגדל הילד ותביאהו לבת פרעה, מען האט אים אריינגעברענגט אין שטוב פון בת פרעה, זי האט אים ערצויגן, ויהי לה לבן, משה רבינו איז געווארן ווי א קינד ביי בתיה די טאכטער פון פרעה. ותקרא שמו משה, זי האט אים גערופן 'משה', ותאמר, כי מן המים משיתהו, משה איז טייטש ארויסציען, איך האב אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער. ער איז דאך געווען אינעווייניג אין וואסער, און פון דארט האב איך אים גענומען, האט זי אים א נאמען געגעבן משה.

**אין** מדרש (שמו"ר א-כז) שטייט, אז משה רבינו האט געהאט צען נעמען. דער אייבערשטער האט אים גערופן א נאמען, זיין טאטע עמרם האט אים גערופן א געוויסן נאמען, דער מדרש רעכנט אויס אלע צען נעמען וואס משה רבינו האט געהאט. און פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געזאגט, אז איך גיי אים נאר רופן מיטן נאמען משה, אלץ אן הכרת הטוב פאר די טאכטער פון פרעה, וואס זי האט אים מציל געווען, זי האט אים ארויסגענומען פון וואסער, און זי האט אים א נאמען געגעבן משה, וועגן דעם וועל איך אים רופן שטענדיג מיט דעם נאמען משה. קומט אויס אז דער נאמען פון משה, וואס דער אייבערשטער האט אים גערופן, דאס ווייזט אויף די מדה פון הכרת הטוב. משה רבינו'ס גאנצע לעבן האט ער צו פארדאנקען פאר בתיה בת פרעה. און אז זי האט אים א נאמען געגעבן משה, האט זיך דער אייבערשטער גערעכנט דערמיט, און אלץ האט ער גערופן משה רבינו, נאר מיט דעם נאמען משה.

**דער** זיידע דער **שאמלויא'ער רב** טייטשט, דער פסוק (מלאכי ג-כב) זאגט, זכרו תורת משה עבדי, זאלסט געדענקן די תורה פון משה רבינו. אונזער תורה ווערט אנגערופן תורת משה? עס איז דער תורה פונעם אייבערשטען. זאגט ער, די ווארט משה,

על הטוב יזכר

ידידינו מוה"ר **נחמי' יואל גיידא** הי"ו

**אשר כלכל הוצאת הגליון לזכות הרבים**

לרגל נישואי בנו החתן **יצחק** נ"י למזל טוב

וואס מען רופט אים משה, דאס לערנט אונז זייער אסאך, דאס לערנט אונז די מדה פון הכרת הטוב. ווען דו באקומסט א טובה פונעם חבר, געדענק עס, און מען דארף יענעם צוריק באצאלן אויף דעם גוטס וואס ער האט דיר געטון. רש"י (דברים כג-ח) זאגט ביי מצרים, כאטש זיי האבן אריינגעווארפן אונזערע קינדער ליאור, פון דעסטוועגן דאך האט דער אייבערשטער געזאגט, לא תתעב מצרי כי גר הייתה בארצו, דו האסט אויך געהאט גוטס פון אים. דאס איז טייטש, אז הכרת הטוב איז נישט נאר אז מען דארף געדענקן די טובה וואס יענער האט געטון, נאר אויב ער האט מיר אייביג געטון נאר גוטס. ניין, ווען ער האט דיר געטון שלעכטס אויך, ער האט אריינגעווארפן ענקערע קינדער אין יאור, איז דא א מצוה אין די תורה, עס איז דא א געוויסע הכרה, וואס דו דארפסט האבן פאר מצרים, ווייל ער האט דיך אריינגעלאזט אין מצרים, ווען עס איז געווען א הונגער, און יודען זענען אראפגעקומען אויף מצרים, און מען האט דארט געוואוינט. - על כל פנים, משה רבינו וואס האט געהאט א טובה פון בתיה בת פרעה, האט דער אייבערשטער געוואלט ווייזן אן הכרת הטוב.

**תורה** ווערט אנגערופן לערנען. זאגט דער זיידע, זכרו, מען זאל אייביג געדענקן, תורת משה, וואס דער נאמען 'משה' לערנט אונז. דער נאמען משה וואס מען רופט אים מיט דעם נאמען, איז דאך אלץ הכרת הטוב. מען דארף שטענדיג געדענקען, אז א **מענטש דארף זיין א מכיר טוב פארן חבר. נישט נאר בשעת דער חבר טוט אים אייביג גוטס, נאר אפילו ווען דער חבר האט אים געטון אן עוולה. ווייל וויפיל מאל האסטו געהאט טובות פון אים, וויפיל האט ער דיר יא ארויסגעהאלפן, וויפיל מאל האסטו געהאט א הנאה פון אים. האט ער געטון אמאל אן עוולה. אין די וועלט איז איינגעריסן, אז מען קען זיין די בעסטע חברים, און איינמאל מען האט אים געטון אן עוולה, דאס וועט ער נישט פארגעסן אויף לעולם ועד. איך האק אפ פון יענעם, איך רעד נישט מיט דיר. וואו זענען די הונדערטער טובות וואס דו האסט געהאט פון אים ביז יעצט? אלעס ווערט פארגעסן. - ער האט געארבעט אויף א פלאץ, און מען האט אים שיין ארויסגעהאלטן דארט, מען האט אים געגעבן פרנסה, מען האט אים ארויסגעהאלפן. איינמאל אז מען זאגט אים אפ פון די ארבעט, צו כדומה, ווערט ער א שונא פאר יענעם! ער האט מיר אפגעזאגט פון די ארבעט. און וויפיל גוטס האב איך דיר געטון אז איך האב דיך געהאלטן ביז יעצט, דאס פארגעסט מען. דאס איז דער ענין פון הכרת הטוב, א מענטש דארף שטענדיג געדענקן די גוטס וואס מען האט געטון.**

*

**עס** קען זיין נאך א טעם פארוואס מען האט אים גערופן משה, און עס ליגט אויך א לימוד וואס מען דארף עס געדענקען. רש"י (שמות ב-ה) זאגט, אז ווען בתיה בת פרעה איז געקומען צו דעם וואסער, און זי האט געזעהן דארטן דעם קעסטיל, ותשלח את אמתה ותקחהו, זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, איר ארעם, און זי האט עס גענומען. איין פשט זאגט רש"י, אמתה מיינט שפחתה, זי האט געשיקט א דינסט, זאל אראפגיין אין וואסער. עס איז געווען ווייט, האט זי אראפגעשיקט די דינסט, אז זי זאל נעמען דאס קעסטל פונעם וואסער. און איין פשט לערנט רש"י, שנשתרבבה אמתה אמות הרבה (סוטה יב.), זי האט אויסגעשטרעקט די הענט, און זי האט עס גענומען. א קינד ליגט אין וואסער אין א קעסטל, מען שטייט ביי דעם בארטן, און מען קען עס נישט ארויסנעמען. אבער זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט, און עס איז געשעהן א נס, איר האנט האט זיך אויסגעשטרעקט, און זי האט עס געקענט נעמען.

**עס** שטייט פונעם **רבי ר' בונם פון פרשיסחא.** האט ער געזאגט, עס איז טאקע געשעהן א נס, זי האט אויסגעשטרעקט די האנט, און זי האט עס גענומען. אבער וואס איז געווען דער חשבון פון בתיה בת פרעה, אויסצושטרעקן די האנט און דאס נעמען. זי ווייסט דאך אז זי האט א קורצע האנט, עס גרייכט נישט ביז וואו דער קעסטיל ליגט. וואלט איינער פון אונז, ווען ער זעהט א זאך דארט ווייט, און ער וויל עס נעמען, וואלט ער אויסגעשטרעקט די האנט? ער ווייסט דאך אז ער קען עס נישט נעמען, עס ליגט דארט ווייט פון אים. וואס איז געווען דער חשבון פון בתיה בת פרעה, אז זי האט אויסגעשטרעקט איר האנט.

**נאר** דאס קומט צו לערנען, אז אפילו א זאך וואס א מענטש שפירט ער קען נישט צוקומען דערצו, עס איז ווייט פון אים. טוה קודם וואס דו קענסט טון, און זיי מתפלל פארן אייבערשטען, אז דער באשעפער זאל דיר העלפן, אז דו זאלסט קענען

צוקומען צו וואס דו ווילסט צוקומען. אפילו יעצט אויפן מאמענט, בדרך הטבע, זעהסטו נישט אז דו קענסט אנקומען צו דאס וואס דו טראכסט, טוה וואס דו קענסט יא. אז דו וועסט טון וואס דו קענסט, וועט דער אייבערשטער העלפן אז דו וועסט צוקומען דערצו.

**זי** האט געוואלט נעמען דאס קעסטל, און זי קען נישט, איז זי געגאנגען און זי האט אויסגעשטרעקט די האנט, רבונו של עולם, איך שטרעק אויס מיין האנט איך זאל עס קענען נעמען, איך קום אבער נישט אן, העלף מיר איך זאל עס קענען האבן. איז געשעהן א נס, עס האט זיך אויסגעשטרעקט איר האנט, און עס איז אנגעקומען ווייטער.

**די זעלבע איז אין עבודת ה' ביי יעדן יוד. עס איז דא שווועריקייטן, און א מענטש טראכט אסאך מאל, איך קען נישט אנקומען. און אז ער קען נישט אנקומען, הייבט ער נישט אן. וואס זאל איך מיך פלאגן, איך וועל ממילא נישט אנקומען. עס איז נישט ריכטיג! ווייל א מענטש דארף טון וואס ער קען, הייב אן מיט וואס דו קענסט יא. דו וועסט אנהייבן מיט וואס דו קענסט, וועט דער אייבערשטער העלפן, דו וועסט האבן סייעתא דשמיא, דו וועסט אנקומען. אז דו וועסט נישט אנהייבן, וועסטו זיכער נישט צוקומען. אז דו וועסט אנהייבן, וועסטו קענען צוקומען שפעטער.** הבא ליטהר מסייעין אותו (שבת קד.), ווען א מענטש וויל זיך מטהר זיין, אפילו עס איז זייער ווייט פון אים די טהרה, ער שפירט נישט, אז ער קען צוקומען דערצו, הייב אן. אז דו וועסט אנהייבן, איז דא א סיוע.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז א יעדע דבר טוב וואס א מענטש טוט, ווערט באשאפן דערפון א מלאך. עס שטייט אין די משנה (אבות ד-יא), העושה מצוה אחת, קונה לו פרקליט אחד, אז מען טוט א מצוה, ווערט באשאפן דערפון א מלאך, און עס שטייט אין **אור החיים הק'** די וואך (ד-כד), אז דער מלאך וואס ווערט באשאפן פונעם דבר טוב, דאס העלפט אים צו, ער זאל עס קענען אויספירן. שלוחי מצוה אינן ניזוקין (פסחים ח:), זאגט ער, ווען דו ביסט א שליח מצוה, האסטו א פרקליט, דו האסט א מלאך וואס שטייט דיר אויפן וועג, און ער נעמט דיך ארום, ער היט דיך אז עס זאל נישט צוקומען צו דיר קיין שלעכטס.

**קומט** אויס, אז עס ליגט א געוואלדיגער לימוד אין דעם וואס זי האט אויסגעשטרעקט די האנט צו נעמען משה. ותרד בת פרעה לרחוץ על היאור (שמות ב-ה), זאגט די גמרא (סוטה יב:), אז זי איז זיך געגאנגען רוחץ זיין פון גילולי עבודה זרה, אוועקגעגאנגען פון עבודה זרה, זי האט זיך געוואלט מטהר זיין. און זי האט געזעהן דעם קעסטל מיט משה רבינו, האט זי געוואלט נעמען משה רבינו און אים ברענגען, ונשתרבבה אמתה.

**ווען** בתיה בת פרעה האט דאס געזעהן, האט זי גענומען פון דעם א געוואלדיגן לימוד מוסר השכל, איך גיי יעצט איבערלאזן פון צו דינען עבודה זרה, איך גיי אוועק פון אלעם וואס מען האט מיך געלערנט ביז יעצט, עס איז געווען פאלש, איך האב געטראפן דעם ריכטיגן וועג, און איך גיי דינען דעם אייבערשטען. ווי אזוי וועל איך האבן די כוחות הנפש אז איך זאל קענען אנקומען. עס איז זייער שווער פאר א מענטש איבערצולאזן א זאך וואס ער האט געטון אזויפיל יארן, און ער גייט זיך טוישן.

**אבער** זי האט געזעהן, אז ווען מען שטרעקט אויס די האנט צו נעמען משה, האט זיך אויסגעשטרעקט די האנט אמות הרבה, האט זי געזעהן אז מען פארלאנגט נישט פון א מענטש נאר צו טון וואס דו קענסט. און אז דו טוסט וואס דו קענסט, וועסטו זעהן סייעתא דשמיא שפעטער, אז דו וועסט מצליח זיין. איז זי געגאנגען, זי האט א נאמען געגעבן דאס קינד משה, געדענקען שטענדיג כי מן המים משיתהו, איך האב אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער. ווי אזוי האב איך אים ארויסגעצויגן פונעם וואסער, ווי אזוי קען זיין, א מענטש שטייט אינדרויסן, און א קינד איז אינמיטן פונעם וואסער, און מען ציהט אים ארויס? נאר ווייל איך האב אויסגעשטרעקט מיין האנט, האט מיר דער אייבערשטער געהאלפן. ווען זי וועט רופן דאס קינד משה, וועט זי זיך שטענדיג דערמאנען, אז ווען א מענטש טוט וואס ער קען, איז דא סייעתא דשמיא, און מען וועט אים העלפן.

**וועגן** דעם האט דער אייבערשטער איבערגעלאזט דעם נאמען משה פאר משה רבינו, כאטש די עלטערן האבן געגעבן אנדערע נעמען, אבער דער אייבערשטער האט אונז געוואלט לערנען די מדה וואס אונז זעה מיר ביי משה. זי האט אים א נאמען געגעבן משה כי מן המים משיתהו. ווען א מענטש

שטרעקט אויס די האנט צו טון א דבר טוב, העלפט מען אים פון הימל, אז אפילו שלא כדרך הטבע, שטרעקט זיך אויס די האנט אסאך און אסאך מער. משה רבינו איז דער נותן התורה פאר אונז, זאל ער הייסן משה, אונז אלע זאל מיר געדענקען פארוואס ער הייסט משה, ווייל מען האט אים ארויסגענומען פונעם וואסער, מיט דעם וואס מען האט אויסגעשטרעקט די האנט אביסל, און עס איז געגאנגען ווייטער, און אזוי האט מען אים ארויסגענומען. - דאס איז דער זכרו תורת משה, מען דארף שטענדיג געדענקען וואס דער נאמען משה לערנט אונז. משה לערנט אונז, כי מן המים משיתהו, ווען א מענטש טוט וואס ער קען, העלפט מען אים פון הימל.

**עס איז שובבי"ם, יעדער יוד נעמט זיך דאך פאר גדרים וסייגים וואס ער דארף צו טון. ביי בחורים איז דער עיקר, לימוד התורה! ליגן אין לערנען, שעות רצופות וואס איז איינגעפירט אז מען לערנט. אסאך מאל קען זיך דאכטן אז עס איז צו שווער, און איך הייב נישט אן, איך וועל ממילא נישט אנקומען, און איך וועל ממילא נישט צוקומען וואו איך וויל צוקומען. געדענק אז עס איז נישט אזוי.** געדענקען תורת משה, געדענקען כי מן המים משיתהו, שטרעק אויס די האנט צו וואס דו קענסט, טו וואס דו קענסט יא, וועסטו זעהן שפעטער, אז דו וועסט האבן סייעתא דשמיא, דו וועסט אנקומען אסאך און אסאך מער וויפיל דו האסט געמיינט.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית

שב"ק פרשת ויחי תשפ"ג לפ"ק

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו ביי די סנה, און ער האט אים געשיקט ער זאל גיין אויסלייזן יודען, און משה רבינו האט זיך געדינגען מיטן אייבערשטען, ער וויל נישט גיין. רש"י לייגט אראפ, אז ער האט געהאט צוויי טענות, מי אנכי כי אלך אל פרעה, איך בין נישט חשוב איך זאל גיין צו פרעה. און אויף יודען האב איך א צווייטע קשיא, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, יודען זענען נישט ראוי אז מען זאל זיי אויסלייזן, זיי זענען עובדי עבודה זרה. דער באשעפער האט אים געענטפערט על ראשון ראשון, ועל אחרון אחרון. דו זאגסט אז דו ביסט נישט חשוב צו גיין, כי אהיה עמך, איך וועל זיין צוזאמען מיט דיר, וזה לך האות כי אנכי שלחתיך. טייטשט רש"י, דאס וואס דו זעהסט דעם סנה איז בוער באש, אז איך בין דא, דאס וועט דיר זיין א אות, אז איך וועל זיין מיט דיר דארט אויך. און דאס וואס דו פרעגסט יודען זענען נישט ראוי, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה (שמות ג-יא), מען וועט מקבל זיין די תורה.

**דער חתם סופר** (בפרשתנו יב., **ובתורת משה** י.) טייטשט די שאלה וואס משה רבינו האט געפרעגט, מי אנכי כי אלך אל פרעה. משה רבינו איז געווען א כבד פה און א כבד לשון (שמות ד-י), ער האט נישט געקענט געהעריג רעדן. א מענטש האט פינף מוצאות הפה, די אותיות קומען ארויס פון פינף ערליי פלעצער. משה רבינו האט געזאגט אויף זיך אז ער איז א ערל שפתים (שמות ו-יב), די ליפן זענען אפגעבריט, ער קען נישט רעדן געהעריג. מיט די ליפן רעדט א מענטש פיר אותיות, בומ"ף, דער ב', די ו', דער מ', און דער פ', דאס קומט ארויס פון די ליפן. קומט אויס אז די פיר אותיות האט משה רבינו געקענט שווער זאגן.

**דעם** אייבערשטען'ס נאמען איז דאך שם הוי"ה, י-ה-ו-ה, אז ער דארף גיין צו פרעה און זאגן אז דער אייבערשטער האט אים געשיקט, דארף ער דאך זאגן ווער עס האט אים געשיקט. און ער קען נישט ארויסזאגן די ו' פונעם אייבערשטען'ס נאמען, האט ער געזאגט, מי אנכי כי אלך אל פרעה, ווי אזוי קען איך גיין צו פרעה, איך קען נישט ארויסזאגן דעם שם הוי"ה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אהי"ה עמך, דו מוזט נישט נוצן דעם שם הוי"ה, נוץ דעם שם אהי"ה, און דאס קענסטו דאך איבערגעבן.

**נאכדעם** האט ער אים געזאגט, דו קענסט נוצן דעם שם הוי"ה אויך, ווייל זה שמי לעולם וזה זכרי לדור

דור (שמות ג-טו). דרש'נט די גמרא (פסחים נ.), לא כמו שאני נכתב, אני נקרא. געשריבן איז טאקע יהו"ה, אבער ווען מען ליינט עס, זאגט מען אדנ"י, דארפסטו דאך נישט זאגן קיין אות ו', ממילא וועסטו קענען רעדן צו פרעה.

**על** פי דרכו קען מען צוגעבן, וואס ער האט געזאגט די צווייטע שאלה, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, ווי קען איך ארויסנעמען יודען פון מצרים. רש"י (שמות ג-יח) ברענגט צו, אז יודען האבן געהאט א סימן ווער עס קומט זיי אויסלייזן, אז דער וואס וועט זאגן פקוד יפקוד אתכם, אזוי ווי יעקב האט געזאגט (בראשית נ-כד), און יוסף האט געזאגט (בראשית נ-כה), דאס איז א סימן פאר די גאולה. קומט אויס אז די גאולה האט געמוזט זיין מיט א לשון פון פקידה.

**פקוד** דארף מען זאגן א פ"א, דאס קען ער אויך נישט זאגן, ווייל אלע אותיות פון בומ"פ קען ער נישט זאגן. האט משה רבינו געהאט א דאפעלטע פראבלעם, ווי אזוי קען איך גיין צו פרעה און זאגן אז דער אייבערשטער האט מיך געשיקט, איך קען נישט ארויסזאגן דעם אייבערשטען'ס נאמען. און איך דארף גיין צו יודען זאגן, אז עס איז געקומען די גאולה, איך קען נישט זאגן 'פקוד יפקוד'. מי אנכי כי אלך אל פרעה, ווי אזוי קען איך גיין צו פרעה, איך קען נישט זאגן די אות וא"ו. וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, ווי אזוי קען איך גיין צו יודען אז איך נעם זיי ארויס פון מצרים, ווען איך קען נישט זאגן פקוד יפקוד. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, כי אהיה עמך, איך וועל קער נעמען, דו וועסט קענען זאגן ביידע.

*

**עס** איז דא א ספר **ברית שלום**, ער ברענגט צו, אז דער **רמב"ן** (שמות ג-יח) פרעגט, אויב מען האט געוואוסט א מסורה, אז דאס איז די ווערטער וואס מען דארף זאגן, קען דאך יעדער קומען און זאגן מיט א לשון פקידה. וואס פאר א סימן איז דאס פקוד יפקוד. דער רמב"ן ענטפערט, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, איך זאג דיר צו, אז קיינער וועט נישט קומען זאגן די ווערטער, נאר אז איך וועל אים שיקן. דאס איז טייטש, יעדער קען טאקע קומען און אויסנארן און זאגן פקוד יפקוד. אבער עס איז דא א הבטחה פונעם אייבערשטען, אז ווען עס וועט קומען דער זמן פון די גאולה, וועט דער גואל עס זאגן, און קיינער וועט עס נישט זאגן.

**זאגט** דער ברית שלום, אז דער סימן איז געווען, משה רבינו וועט דאך זיין דער גואל פון יודען, משה רבינו קען נישט זאגן קיין פ"א, ער איז דאך אן ערל שפתים. ווען ער וועט קומען, און ער וועט זאגן פקוד יפקוד, וועט ער קענען ארויסזאגן א לשון פקידה, וועט מען וויסן אז ער איז א אמת'דיגער גואל. איבערהויפּט ווען ער זאגט א פ"א, האנקעט ער, און ווען ער וועט זאגן פקוד יפקוד, וועט ער עס זאגן געהעריג.

**קומט** אויס, משה רבינו דארף נישט מורא האבן, אז ווייל ער קען נישט זאגן דעם פ"א, קען ער נישט גיין אויסלייזן יודען. אדרבה, דאס וועט זיין די ראיה, אז דו ביסט דער אמת'דיגער גואל, ווייל כי אהיה עמך, איך וועל זיין מיט דיר, און דו וועסט קענען זאגן פקוד יפקוד, און דאס וועט זיין דער סימן, אז א אנדערס מאל קענסטו נישט זאגן, און יעצט קענסטו יא.

**ווען** משה רבינו האט געפרעגט מי אנכי כי אלך אל פרעה, וכי אוציא את בני ישראל, איך קען זיי נישט ארויסנעמען, ווייל איך קען נישט זאגן פקוד יפקוד, האט דער אייבערשטער געזאגט, כי אהיה עמך, איך וועל זיין צוזאמען מיט דיר, דו וועסט קענען זאגן די פ"א אויך. וזה לך האות כי אנכי שלחתיך, טאקע דאס וואס דו זאגסט, אז דו ביסט א כבד פה, און דו קענסט נישט זאגן, און יעצט וועסטו יא קענען זאגן, דאס וועט זיין דער צייכן כי אנכי שלחתיך. - וזה לך 'האות', דו טענה'סט אז דו האסט דעם אות וואס דו קענסט נישט זאגן, דו קענסט נישט זאגן דעם אות פ"א, וזה לך האות, דו וועסט קענען זאגן דעם אות פ"א, כי אנכי שלחתיך, ווייל איך האב דיך געשיקט.

*

**עס** שטייט שפעטער, ווען משה רבינו איז געקומען אויף מצרים, און ער האט צוזאמגענומען יודען, און ער האט זיי איבערגעגעבן אז ער איז געקומען אויסלייזן יודען. ויאמן העם, יודען האבן געגלייבט, וישמעו, און זיי האבן געהערט, כי פקד ה' את בני ישראל, דער באשעפער האט געדענקט יודען זיי ארויסצונעמען פון מצרים (שמות ד-לא). די מפרשים שטעלן זיך, אז דער פסוק איז פארדרייט, געוועהנליך

אז מען קומט עפעס זאגן פאר יענעם, קודם הערט מען וואס יענער זאגט, און נאכדעם גלייבט מען אין וואס ער האט געזאגט, וואלט געדארפט צו שטיין, וישמעו, זיי האבן געהערט, כי פקד ה' את בני ישראל, אז דער אייבערשטער האט זיי געדענקט, ויאמן העם, און זיי האבן געגלייבט. ער זאגט ויאמן העם, זיי האבן געגלייבט, און נאכדעם זאגט ער וישמעו, זיי האבן געהערט, כי פקד ה' את בני ישראל.

**די** תורה הק' איז מסביר, פארוואס ויאמן העם, פארוואס האבן זיי געגלייבט, ווייל וישמעו, זיי האבן געהערט פון משה רבינו, ווי ער זאגט, כי 'פקד' ה'. ווי אזוי קען ער זאגן כי 'פקד', ער איז דאך א כבד פה און א כבד לשון? פון דעם וישמעו, וואס זיי האבן געהערט פון משה רבינו, אז ער זאגט כי 'פקד' ה' את בני ישראל, דאס איז געווען דער ויאמן העם, דאס האט געבערענגט אז זיי האבן געקענט גלייבן. אז ער איז געווען א שליח פונעם אייבערשטען, האט ער געקענט זאגן אפילו ווערטער וואס ער קען נישט זאגן אן אנדערס מאל.

*

**און** דער אייבערשטער האט צוגעזאגט, בהוציאך את העם ממצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה, ווען מען וועט ארויסגיין פון מצרים, וועלן יודען מקבל זיין די תורה אויפן בארג סיני. - אין די ראשונים איז דא א מחלוקת, צו משה רבינו איז געבליבן א כבד פה כל ימיו, צו נישט. צו דאס האט זיך אויסגעהיילט ביי אים שפעטער, צו ער איז געבליבן כל ימיו א כבד פה און א כבד לשון. עס איז דא ראשונים (**דרשות הר"ן** ח"א דרוש ה) וואס עס שטייט, אז ער איז געבליבן א כבד פה כל ימיו, און עס איז דא ראשונים וואס שרייבן אז פון מתן תורה אן איז ער אויסגעהיילט געווארן, און ער האט געקענט רעדן געהעריג.

**אין** מדרש (דב"ר א-א, תנחומא דברים ב) שטייט, אז פון מתן תורה האט שוין משה רבינו געקענט רעדן געהעריג. ווען משה רבינו האט געזאגט אלה הדברים אשר דיבר משה (דברים א-א), האט מען געפרעגט משה רבינו, דו האסט געזאגט לא איש דברים אנכי (שמות ד-י), דו ביסט נישט קיין איש דברים, וואס איז דער אלה הדברים וואס דו גייסט רעדן? האט משה רבינו זיי געזאגט, אז אויף די תורה

שטייט (משלי טו-ד), מרפא לשון עץ חיים, תורה דאס טוט מרפא זיין דעם לשון. איך האב ביז יעצט נישט געקענט רעדן, אבער ווען איך האב מקבל געווען די תורה, בין איך אויסגעהיילט געווארן, און איך קען רעדן, יעצט בין איך יא אן איש דברים. אזוי שטייט אין מדרש. געוויינליך ווייסט מען דאך אז אלו ואלו דברי אלקים חיים (עירובין יג:). איז ער געבליבן א כבד פה, צו איז ער נישט געבליבן א כבד פה. ווי אזוי קען מען זאגן אז ביידע זענען אלו ואלו דברי אלקים חיים.

*

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, עס שטייט אין מדרש (ספרי מטות ב, הובא ברש"י דברים ל-ב), כל הנביאים נתנבאו בכה, מוסיף עליהם משה שהתנבא בכה ובזה הדבר. עס שטייט אין **ישמח משה** (ריש פרשת מטות), וואס איז דער חילוק צווישן אלע נביאים מיט משה רבינו. יעדער נביא איז געווען א שליח פונעם אייבערשטען, א שליח גיט איבער כה אמר ה', דער אייבערשטער האט מיט מיר גערעדט, ער האט מיר געזאגט אזוי און אזוי, און איך געב איבער, אזוי האט דער אייבערשטער מיר געזאגט. און מען איז מחויב צו גלייבן וואס א נביא זאגט.

**משה** רבינו איז געווען העכער פון אלע נביאים, ולא קם נביא עוד בישראל כמשה, אשר ידעו ה' פנים אל פנים (דברים לד-י), משה רבינו איז געווען שכינה מדברת מתוך גרונו (זוה"ק פנחס רלב.), בשעת משה רבינו האט איבערגעזאגט די נביאות פונעם אייבערשטען, האט נישט ער גערעדט, נאר די שכינה האט ארויסגערעדט פון זיין האלדז. ווען משה רבינו האט זיי געזאגט א זאך, איז דאס נישט געווען אז ער גיט נאר איבער ווי א שליח פונעם אייבערשטען, נאר 'זה הדבר' אשר צוה ה', דאס וואס איך זאג ענק, דאס איז דער דיבור פונעם אייבערשטען. מוסיף עליהם משה, משה רבינו'ס נביאות איז געווען א העכערע נביאות, אז עס איז געווען ביי אים שכינה מדברת מתוך גרונו. זה הדבר אשר צוה ה', וואס משה רבינו האט געזאגט, האט מען געהערט דעם קול ה' פון משה רבינו. – און דאס איז דער וגם בך יאמינו לעולם (שמות יט-ט), וואס דער אייבערשטער האט צוגעזאגט פאר משה רבינו. ווייל ביי אנדערע נביאים האט מען געקענט מסופק זיין אין זייערע נביאות. אבער ביי משה רבינו האט מען נישט געקענט מסופק זיין אין וואס ער האט געזאגט, ווייל מען

האט געקענט הערן דעם קול ה'. יודען האבן דאך געקענט דעם קול ה'. ביים בארג סיני האט מען דאך געהערט אנכי ה' אלקיך, און ביי משה רבינו האבן זיי געהערט די זעלבע שטימע וואס זיי האבן געהערט ביי מתן תורה, ווייל ביי משה רבינו איז געווען זה הדבר אשר צוה ה'.

**קומט** אויס, בשעת עס איז געווען ביי משה רבינו שכינה מדברת מתוך גרונו, איז ער נישט געווען קיין כבד פה, און א ערל שפתים. ווייל נישט משה רבינו רעדט, די שכינה רעדט פון משה רבינו. ווען משה רבינו האט גערעדט די תורה צו יודען, איז ביי אים אלץ געווען די מדריגה פון שכינה מדברת מתוך גרונו. און וועגן דעם האבן די ווערטער פון משה רבינו געהאט אזא כח, ווייל מען האט געהערט דעם קול ה' פונעם האלדז פון משה רבינו. זאגט משה רבינו, אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל, ווען ער האט גערעדט תורה, האט ער געקענט רעדן געהעריג. ווען ער האט גערעדט ביי זיך אין שטוב, האט ער דאך גערעדט אליינס, עס איז נישט געווען קיין דיבור פונעם אייבערשטען, איז ער געבליבן א כבד פה. קומט אויס אז עס איז נישט קיין סתירה. ער איז געווען א כבד פה בטבע, און ער איז געבליבן א כבד פה. נאר ווען עס איז געקומען צו אלה הדברים אשר דבר משה, האט מען דאך געהערט שכינה מדברת מתוך גרונו, דארט האט ער געקענט רעדן, און עס איז נישט געווען קיין כבד פה. לא איש דברים אנכי איז געווען פון פריער, אבער פון מתן תורה אן, האט אים דער אייבערשטער איבערגעגעבן ער זאל זיין דער נותן התורה, און אז ער איז דער נותן התורה, האט משה רבינו גערעדט זה הדבר אשר צוה ה'.

**און** די זעלבע איז געווען ווען דער אייבערשטער האט געשיקט משה רבינו ער זאל גיין אויסלייזן יודען. משה רבינו דינגט זיך, ער קען נישט רעדן, ער איז א כבד פה. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, נישט דו גייסט, כי אהיה עמך, איך וועל זיין צוזאמען מיט דיר. אין דיין דיבור וואס דו וועסט רעדן, וועל איך זיין דארט, עס וועט זיין שכינה מדברת מתוך גרונו. און אז איך וועל זיין דארט, מיין לשון איז דאך נישט קיין כבד פה, איך קען רעדן צו פרעה. 'וזה' לך האות כי אנכי שלחתיך, דער 'זה' וואס דו זאגסט אלץ מיט 'זה הדבר', אז דעם דיבור אליין וואס מען הערט פון משה רבינו, דאס איז דער דיבור פונעם אייבערשטען, דאס וועט זיין דער סימן כי אנכי שלחתיך, אז איך האב דיך געשיקט. די ראיה דערויף איז, ווייל בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, אויף דעם בארג ווי אונז שטייען מיר יעצט, וועסטו מקבל זיין די תורה, און ווען דו וועסט מקבל זיין די תורה, וועט נישט זיין קיין כבד פה, נאר אלה הדברים אשר דבר משה אל כל ישראל. דעם זעלבן כח וואס דו וועסט האבן נאך מתן תורה, דעם כח וועסטו האבן יעצט, און דו קענסט גיין רעדן צו פרעה.

* * *

**דער** אייבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו, בלבת אש מתוך הסנה (שמות ג-ב). אין יעדע זאך ליגט דאך א מוסר השכל, וואס דער אייבערשטער וויל אונז לערנען. וואס איז געווען דער ענין וואס דער אייבערשטער האט זיך באוויזן צו משה רבינו אין א סנה, און עס איז געווען בלבת אש מתוך הסנה.

**איך** וועל מקדים זיין א גמרא (שבת קד.). די גמרא זאגט, אז עס זענען געקומען דרדקי, און זיי האבן גע'דרש'נט די אותיות פון די תורה, אזעלכע ווערטער וואס מען האט נישט געהערט מימות יהושע בן נון. ווען זיי זענען צוגעקומען צום אות נו"ן, וואס עס איז דא צוויי נו"ן'ס. עס איז דא א נו"ן כפופה, און א נו"ן פשוט. א געווענליכע נו"ן איז געבויגן, און א ענדע נו"ן איז גראד, האבן זיי גע'דרש'נט אזוי. נו"ן דאס איז נאמן כפוף, די ענדע נו"ן איז נאמן פשוט. טייטשט רש"י, נאמן איז טייטש אן ערליכער יוד, וואס איז נאמן פארן אייבערשטען, ער איז באגלייבט פארן אייבערשטען, ער ווערט אנגערופן א איש נאמן. און די תורה לערנט אונז, אז א יוד דארף זיין כפוף, א יוד דארף זיין געבויגן, א יוד דארף זיך נישט האלטן שטאלץ, וויסן דער שפלות וואס א מענטש איז. דאס איז די מעלה פון אן ערליכן יוד, אן ערליכער יוד איז כפוף, ער איז געבויגן. און אז מען פירט זיך אויף די וועלט אז מען איז געבויגן, מען פירט זיך נישט שטאלץ, וועט מען זיין אויף יענע וועלט א נאמן פשוט, מען וועט זיך אויסגראדן, און מען וועט זיין א הויכע מדריגה, ער וועט נישט זיין געבויגן. דער נאמן כפוף גייט ארויף אויף די וועלט, אז ווען א מענטש איז כפוף אויף די וועלט, נאמן פשוט, וועט ער זיין אויף יענע וועלט, נישט קיין כפוף, נאר ער וועט זיין גראד.

**ווען** מען איז געקומען צו אות צדי"ק, א צ' גייט דאך אויך אזוי, א צ' מיט א ענדע צדיק, א ץ איז לאנג. זאגט די גמרא, צ' דאס איז צדי"ק כפוף, עס איז דא א צדיק וואס איז כפוף. און ער וועט זוכה זיין, אז אויף יענע וועלט וועט ער זיין א צדיק פשוט. פרעגט די גמרא, דו האסט דאך שוין דאס פריער גע'דרש'נט, מען האט דאך שוין מרמז געווען אין די נו"ן, אז עס איז דא א נאמן כפוף מיט א נאמן פשוט, פארוואס דארף מען האבן נאך א רמז ביי די צדי"ק. ענטפערט די גמרא, הוסיף לך הכתוב כפיפה על כפיפתו. עס איז נישט גענוג די ערשטע כפופה, עס איז נישט גענוג וואס א מענטש איז געבויגן סתם, די תורה וויל לערנען אפילו ווען דו ביסט געבויגן, נאך די נו"ן קומט נאך א צדי"ק, מוסיף צו זיין א כפיפה על כפיפתו, בייג דיך נאך מער, זיי נאך קלענער פון וואס דו ביסט.

**די** מפרשים זענען מסביר, אז אין יעדע מדה גייט מען דאך אין די מיטעל'דיגסטע וועג דאס איז דער איזהו דרך ישרה שיבור לו האדם (אבות ב-א). אבער מאד מאד הוי שפל רוח (אבות ד-ד), ווען עס קומט צו שפל רוח, דארף א מענטש זיין מאד מאד, נאכן נאמן כפוף, דארף ער נאך זיין א צדיק כפוף.

*

**אמאל** איז דא וואס א מענטש איז כפוף, ער איז איינגעבויגן, ווייל ער איז טאקע כפוף. ווי אזוי ער פירט זיך אויף, האט ער נישט מיט וואס צו שטאלצירן. דער סדר איז אז א מענטש קוקט אייביג אויף זיין גוטע זייט, פושעי ישראל זענען מלאים מצות כרימון (חגיגה כז.), ער לערנט, ער דאווענט, ער טוט צדקה וכדומה. אבער ווען ער זאל אנהייבן צו קוקן אויף זיין שוואכע זייט, האט ער מיט וואס צו זיין כפוף. און דאס איז א נאמן כפוף, אן ערליכער יוד, ער גייט נישט ארויס זיך איינצורעדן מער פון וואס ער איז. הוסיף לך הכתוב כפיפה על כפיפתו, ווען עס קומט דער צדיק, אפילו דו האסט זוכה געווען דו ביסט שוין צוגעקומען צו א מדריגה פון א צדיק, דו ביסט באמת א צדיק, דו ביסט טאקע אפגעהיטן מיט אלעם, דו טרעפסט נישט ביי דיר קיין זאך וואס זאל נישט זיין ווי עס דארף צו זיין, האט דער אייבערשטער מוסיף געווען כפיפה על כפיפתו, אפילו דער צדיק דארף אויך זיין כפוף.

**משה** רבינו איז געווען אן ערליכער יוד, ער האט קיינמאל נישט חוטא געווען פארן אייבערשטען, און פון דעסטוועגן דאך והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה (במדבר יב-ג). צו דעם נאמן כפוף, קומט צו נאך א העכערע מדריגה אז ער איז א צדיק כפוף.

**עס** שטייט פונעם **רבי פון לובלין**, כי לא בזה ולא שקץ ענות עני (תהלים כב-כה), ביים אייבערשטען איז חשוב יעדע צובראכענקייט וואס א יוד האט, אפילו באמת איז ער אן עני, אין עני אלא בדעת (נדרים מא.), אבער ער איז מכיר דעם ענות עני, ער איז מכיר זיין שפלות, ער רעדט זיך נישט איין מער פון וואס ער איז, טוט אים דער אייבערשטער נישט מבזה זיין. - אבער דאס איז א קליינע מדריגה, וואס ער נארט זיך נישט, און ער האלט זיך וואס ער איז באמת. הוסיף לך כפיפה על כפיפתו, אפילו א צדיק כפוף, אפילו דו ביסט צוגעקומען צו די מדריגה פון א צדיק, דארפסטו אויך זיין א כפוף.

*

**עס** קען אפשר זיין נאך א ענין, פארוואס די תורה האט מרמז געווען די צוויי אותיות, א נו"ן כפופה מיט א נו"ן פשוט. עס איז דא צוויי מדריגות ביי עבודת ה'. אוודאי א מענטש דארף זיין כפוף, ער דארף אייביג קוקן אויף זיין שוואכע זייט, וואס ער האט זיך נאכנישט משלים געווען. ער ווייסט וואו ער איז שוואך, און וואו ער פאלט אדורך, און אזוי ווייטער. אבער אסאך מאל איז דא וואס דאס ברענגט אים א צובראכענקייט, ער קען זיך נישט אויפהייבן ווייטער, און כאשר אבדתי אבדתי, איך בין שוין אדורכגעגאנגען א חלק פון מיין לעבן, און איך בין נישט צוגעקומען צו וואס איך וואלט געדארפט צוקומען, ער פילט זיך צובראכן ביי זיך, התחיינה העצמות היבשות האלה (יחזקאל לז-ג), די עצמות היבשות האבן שוין נישט קיין מעגליכקייט אז זיי זאלן נאך קענען לעבן. און דאס איז פאלש! ווייל יעדער יוד, נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען זיין עבר, דער עתיד לייכט ביי יעדן יוד. יעדער האט יארן אין זיין לעבן וואס ער קען אנהייבן פארגעסן וואס עס איז געווען פון פארדעם, און אנהייבן א נייע לעבן, ער קען אויסשטייגן צו זיין זייער הויעך.

**די** גמרא (אבות דרבי נתן ו-ג) פארציילט אויף דעם גרויסן תנא רבי אליעזר, וואס ער האט געזאגט שתי זרועותי זענען כשני ספרי תורות, אז ביז די צוויי און צוואנציג יאר האט ער נישט געקענט קיין

תורה, ער האט נאך נישט געהאט געלערנט. ער איז געווען א בחור פון צוויי און צוואנציג יאר, און זיך ארומגעדרייט אן תורה. ביי די צוויי און צוואנציג יאר האט ער אנגעהויבן צו לערנען, און ער איז אויסגעוואקסן א רבי אליעזר! צוויי און צוואנציג יאר איז נאך גאנץ יונג. רבי עקיבא, איז אלט געווען פערציג יאר, און ער האט נישט געקענט קיין אל"ף בי"ת. וואס איז אויסגעוואקסן פון רבי עקיבא שפעטער? פערציג יאר איז טאקע אדורכגעגאנגען ליידיג, אבער נאכדעם האט ער געהאט אכציג יאר, וואס ער האט געלערנט תורה. פערציג יאר פאר זיך, און פערציג יאר האט ער מלמד געווען תורה פאר יעדן. אין די גמרא (מנחות כט:) שטייט, אז ער איז אויסגעוואקסן אין א געוויסע בחינה, העכער פון משה רבינו. משה רבינו האט אים געהערט זאגן תורה, און משה רבינו כביכול האט געזאגט אז ער האלט נישט מיט, מיט די תורה וואס רבי עקיבא האט געלערנט. דאס איז געווען ווען ער האט אנגעהויבן ביי די פערציג יאר! ווייל א יוד טאר זיך קיינמאל נישט פארלירן. ער דארף וויסן, אז אלץ האט ער די מעגליכקייט. זיין עתיד איז זייער גרויס. א מענטש קען זיך טוישן פון איין טאג אויפן צווייטן טאג. ער דארף נאר האבן די גוטע מינוט. נאר האבן די גוטע הרגשה, דאס התעוררות צום אייבערשטען, לאזט ער איבער אלעס וואס איז געווען.

**איינמאל** וואס מען איז זיך באמת מתבונן, אז די וועלט איז הבל הבלים, די וועלט איז דאך נארישקייטן, און דער אייבערשטער האט אונז אראפגעשיקט אויף די וועלט, אזוי צו דינען דעם אייבערשטען, אבער נישט דאס איז אונזער תכלית צו ארבעטן און צו פארדינען געלט, נאכצוגיין נאך תענוגי עולם הזה. די וועלט איז נישט מער ווי א פרוזדור לפני טרקלין, עס איז נאר אן אדורכגאנג, כדי מען זאל קענען אריינקומען, און זוכה זיין צו דעם טרקלין. ווען א מענטש איז זיך באמת מתבונן דעריין, לאזט ער דאך איבער צוביסלעך אלע עניני עולם הזה, און ער לייגט זיך אריין וואס ער קען טון נאר פארן אייבערשטען'ס וועגן.

**און** צו דעם דארף מען נישט זיין קיין גרויסע זאכן. ווייל א יוד קען זיין א עובד ה' תמיד, יעדע זאך וואס ער טוט, אויב ער איז מכוון לשם שמים, קען זיין, זיין עסן, זיין שלאפן, זיינע געשעפטן, לשם שמים. נמצא עובד את בוראו תמיד (**שו"ע** או"ח סימן רלא), ער קען דינען דעם אייבערשטען שטענדיג, פון צופרי ביז ביינאכט. ער דארף נזהר זיין אין דעם סור מרע, און דעם עשה טוב האט ער מיט יעדע זאך וואס ער טוט.

**די** גמרא (סוכה נג.) פארציילט, אז ביי שמחת בית השואבה איז געווען א געוואלדיגע שמחה, וואס מי שלא ראה שמחה זו, לא ראה שמחה מימיו. נישט נאר די צדיקים האבן זיך געפריידט, נאר די בעלי תשובה וואס זענען געווען דארט, האבן זיך אויך געפריידט. און די צדיקים האבן געזאגט, אשרי ילדותנו שלא ביישה זקנותינו, זיי האבן געדאנקט דעם אייבערשטען, אז זיי האבן געהאט שיינע יונגע יארן, און זיי דארפן זיך נישט שעמען אויף דער עלטער מיט וואס מען האט אפגעטון אין דער יוגענט. וואויל איז אונזערע יונגע יארן, אז עס פארשעמט אונז נישט אין די עלטערע יארן. די אנדערע יודען וואס האבן דאס נישט געקענט זאגן, זיי האבן אבער געזאגט, אשרי זקנתינו שכפרה על ילדותינו, עס איז דא א מדריגה אז א מענטש קען אויף דער עלטער אפמעקן אלעס וואס איז געווען פון פריער. און זיי האבן געדאנקט דעם אייבערשטען, אז זיי זענען צוגעקומען צו די הכרה, מכיר צו זיין, אז עס איז טאקע געווען וואס איז געווען, אבער איך האב די מעגליכקייט זיך צו טוישן, און זיי האבן זיך געטוישט! א גאנצע נאכט האט מען געטאנצט און געזינגען פארן אייבערשטען, אז זיי האבן געהאט די ריכטיגע השגה, וואס זיי האבן נישט געקוקט וואס דער עבר איז געווען. נאר איך בין א נייער מענטש, א בעל תשובה איז כקטן שנולד דמי, איך הייב אן א נייעם מהלך אין מיין לעבן, און ער איז געווארן פון די וואס קענען דאנקען דעם אייבערשטען, אשרי זקנותינו שכפרה על ילדתינו.

**עס** איז דא א ווארט פון צדיקים, ביי די מנורה שטייט, אז עס איז געווען שמן זית זך כתית למאור (שמות כז-כ), ולא כתית למנחות (מנחות פו.). למאור, צו די מנורה, האט מען געדארפט נעמען שמן זית זך כתית, אבער צו די מנחות האט נישט אויסגעפעלט קיין כתית, מען האט געקענט נעמען סתם שמן זית, וואס איז נישט כתית. איז דא א ווארט פון צדיקים, כתית איז זייער א גוטע מדריגה, א מענטש איז צובראכן ביי זיך, און ער ווייסט, ער האט נישט יוצא געווען ידי חובתו. אז מען וויל אנצינדן די מנורה, דארף ער זיין כתית, מען דארף זיין צובראכן ביי זיך,

למאור, כדי עס זאל ברענגען צו לייכטן. כתית, איז א חשוב'ע מדה, נאמן כפוף. אבער אמאל איז דא וואס דער כתית ברענגט אים צו מנחות, עס דערנידערט אים, עס לייגט אים אראפ. מיין לעבן איז שוין אדורכגעגאנגען, איך בין שוין אזוי, איך קען שוין נישט טוישן, גיי טויש מיין גאנץ לעבן, יעצט אויף דער עלטער וועל איך מיך זעצן אין בית המדרש לערנען, און ווערן אן ערליכער יוד וכדומה?! עס וועט שוין אדורכגיין מיין לעבן אזוי ווי עס איז. כתית, די צובראכענקייט דארף זיין, למאור, עס זאל דיך צוברענגען צו לייכטן, אבער ולא כתית למנחות, דער כתית טאר נישט צוברענגען דעם מענטש למנחות, אים אראפצולייגן. איך בין שוין כתית, פון מיר וועט שוין גארנישט זיין, און ער גייט ווייטער.

**דאס** איז די מדריגה וואס א יוד דארף האבן. ער דארף האבןביידע זאכן. פון איין זייט דארף ער האבן דעם צובראכענקייט, און וויסן אז ער איז נישט יוצא ידי חובתו פארן אייבערשטען. וחטאתי נגדי תמיד (תהלים נא-ה), געדענקען שטענדיג ווי אזוי ער האט געזינדיגט. אבער נישט בלייבן דערמיט. פון די אנדערע זייט דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה' (דברי הימים ב יז-ו), זיך אויפהייבן בדרכי ה'. וואס איז געווען, איז געווען נעכטן, היינט איז א נייער טאג, איך בין א קטן שנולד, איך בין א נייער מענטש, ער הייבט אן א נייעם סדר אינעם לעבן. און דאס קען יעדער צוקומען דערצו. טוישן וואס איז געווען, און גיין אויף א נייע וועג.

**און** דאס איז די צוויי נו"ן'ס. עס איז דא א נאמן כפוף און עס איז דא א נאמן פשוט. כפוף דאס ווייזט אויפן צובראכענקייט, א נאמן וואס דארף זיין כפוף, ער דארף זיין צובראכן ביי זיך, ענוה און שפלות רוח. אבער דאס איז נאר איין צד פון די מטבע. אויפן עבר דארף ער זיין א נאמן כפוף, אבער אויפן עתיד דארף ער וויסן, נאמן פשוט, איך קען נאך גיין גראד! אפילו איך בין געווען כפוף די ערשטע העלפט, דאס מיינט נישט איך דארף אזוי בלייבן מיין גאנץ לעבן. איך האב א מעגליכקייט זיך אויסצוגראדן, און ווערן א נאמן פשוט. דאס איז די צוויי נו"ן'ס וואס דער באשעפער האט אריינגעלייגט אין די אל"ף בי"ת, אונז צו לערנען, אז א נאמן כפוף איז טאקע א געוואלדיגע חשובע מדה, דאס איז דער כתית. אבער עס דארף זיין למאור, נאכדעם דארף נאכקומען נאמן פשוט, איך גיי נישט בלייבן ביי דעם כפיפות וואס איך בין, איך גיי זיך אויסגראדן. נישט אויף יענע וועלט וועט ער זיין א נאמן פשוט, נאר אויף די וועלט גיי איך זיך טוישן, פון א נאמן כפוף גיי איך ווערן א נאמן פשוט.

*

**די** גמרא (נדרים נד:) דרשנ'ט די אותיות נו"ן סמ"ך עי"ן. זאגט די גמרא, אז נו"ן איז א רמז אויף פיש. פיש ווערט אנגערופן נונ"א. סמ"ך עי"ן, סמא לעינא, איז געזונט פאר די אויגן. ווען א מענטש ליידט אויף די אויגן, איז גוט צו עסן פיש. די גמרא מאכט א חילוק צו עס איז תחלת אוכלא צו סוף אוכלא. צו עס איז אין אנהייב פון די קראנקהייט, דעמאלטס איז נישט גוט קיין פיש. אבער שפעטער איז יא גוט פיש. און דער רמז דערויף זאגט די גמרא, אז נונא, די פיש, דאס איז סמא לעינים, דאס איז א רפואה פאר די אויגן, דאס איז די אותיות נו"ן סמ"ך עי"ן.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן א מענטש מיט צוויי אויגן. עס שטייט פון הייליגן **נועם אלימלך**, [עס איז נישט געשריבן אין נועם אלימלך, אבער זיי ברענגען עס צו פון רבי ר' אלימלך (עיין **בישמח משה** פ' קרח)], אויף יעדע זאך איז דאך דא א רמז. פארוואס האט דער אייבערשטער באשאפן א מענטש מיט צוויי אויגן. ווייל א מענטש דארף קוקן שטענדיג אויף צוויי זאכן. פון איין זייט דארף ער קוקן שפלות עצמו, קוקן זיין שפלות. און פון די אנדערע זייט דארף ער קוקן גדולת הבורא, דאס גרויסקייט פונעם אייבערשטען. ווען א מענטש האט פאר זיך שטענדיג די צוויי זאכן, ער ווייסט ווי גרויס דער אייבערשטער איז, ווי ווייט מען דארף זיך היטן מען זאל נישט זינדיגן אקעגן דעם אייבערשטען, און ער ווייסט זיין שפלות, דאס זענען די צוויי אויגן וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר א מענטש.

**לויט** ווי מען האט פריער גערעדט קען זיין, דער אייבערשטער האט געגעבן די צוויי אויגן פאר א מענטש, נישט ער זאל קוקן מיט איין אויג שפלות עצמו, און מיט די אנדערע אויג זאל ער קוקן גדולת הבורא. נאר מיט דעם אנדערן אויג זאל ער קוקן גדולת עצמו. איין אויג דארף ער טאקע האבן צו קוקן שפלות עצמו, קוקן ווי נידריג ער איז. אבער די אנדערע אויג דארף ער האבן, וואס גיי איך יעצט טון ווייטער. איך גיי נישט בלייבן ביי דעם שפלות וואס איז געווען, איך גיי נישט בלייבן ביי דעם איינעם

אויג, און שטענדיג נאר אראפקוקן, איך בין גארנישט, עס וועט שוין פון מיר גארנישט זיין. - מיט די צווייטע אויג דארף זיין, ויגבה לבו בדרכי ה'. נישט צו קוקן אויפן גדלות הבורא, נאר קוקן אויף דיין גדלות. קוק וואס דו קענסט נאך אויסוואקסן, ווי אזוי דו קענסט זיך טוישן.

**ווען** רבי עקיבא וואלט געזאגט ביי די פערציג יאר, פערציג יאר איז אדורך פון מיין לעבן, און איך גיי דא בלייבן, וואלט מען פארלוירן א רבי עקיבא אויף דער וועלט. רבי עקיבא האט געהאט דעם שכל, ביי די פערציג יאר קען מען אנהייבן צו לערנען אל"ף בי"ת! און כל שכן ווען א יוד האלט אסאך ווייטער פון די אל"ף בי"ת, וויפיל ער קען אנהייבן צו גיין ווייטער. קומט אויס, אז די צוויי אויגן וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, איז איינס מען זאל זעהן שפלות, און מיט די אנדערע אויג דארף מען זעהן די גדולת עצמו, ווי גרויס דו קענסט זיין, צו וואס פאר א מדריגה דו קענסט צוקומען.

**און** דאס זענען די צוויי נו"ן'ס. ווייל דער נו"ן איז דאך אויך אזוי, עס איז דא א נאמן כפוף, קוקן אויף שפלות עצמו, און נאכדעם איז דא א נאמן פשוט, אז מען זאל קוקן אויף זיין גרויסקייט, ווי אזוי ער קען זיך אויסגראדן. 'נונא', די צוויי נו"ן'ס, דאס איז 'סמא לעינא', דאס איז די רפואה, דאס איז די חיזוק פאר די צוויי אויגן. די צוויי אויגן וואס דער אייבערשטער האט געגעבן, א מענטש זאל קוקן שפלות עצמו, און פון די אנדערע זייט זאל ער קוקן זיין אייגענעם גרויסקייט צו וואס ער קען צוקומען, דאס איז דער נונא, די צוויי נו"ן'ס, דער נאמן כפוף און דער נאמן פשוט, זענען אויך אויף דעם וועג.

*

**די** גמרא (ברכות ד:) זאגט, אז אין אשרי איז אויסגערעכנט אלע אותיות, אויסער די אות נו"ן איז נישט אויסגערעכנט. מ'לכותך מלכות כל עולמים וממשלתך בכל דור ודור, ס'ומך ה' לכל הנופלים (תהלים קמה-יג), עס קומט נישט קיין פסוק מיט א נו"ן. פארוואס פעלט דער אות נו"ן. זאגט די גמרא, ווייל עס איז דא א פסוק אויף נו"ן וואס איז א נפילה, נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל (עמוס ה-ב). נפלה, יודישע קינדער וועלן פאלן, לא תוסיף קום בתולת ישראל, זי וועט זיך נישט קענען אויפהייבן, האט דוד המלך נישט געוואלט ארייגלייגן דעם פסוק מיט א נו"ן. זאגט די גמרא, אפילו הכי, פון דעסטוועגן דאך, סמכה ברוח הקודש, מיט זיין רוח הקודש האט ער געגעבן א סמיכה פאר דעם נו"ן, ווייל אין קומענדיגן פסוק האט ער געזאגט, סומך ה' לכל 'הנופלים'. איך האב נישט געשריבן פריער קיין אות נו"ן וועגן נפילה, אבער סומך ה', דער אייבערשטער טוט סומך זיין, לכל הנופלים.

**זאגט** די גמרא, במערבא, אין ארץ ישראל האט מען אנדערש געזעצט די ווערטער פונעם פסוק. נפלה עס איז געפאלן. עס קומט א פינטל. לא תוסיף, עס וועט נישט מער פאלן. קום בתולת ישראל, הייב דיך אויף בתולת ישראל. דוד המלך האט נישט געשריבן דעם אות נו"ן, ווייל דער פשוטער פשט אין פסוק איז, דער נביא זאגט עס דארט ווי א קללה ח"ו פאר יודען. אז נפלה, יודען וועלן פאלן, לא תוסיף קום בתולת ישראל, מען זאל זיך מער נישט קענען דערהייבן. במערבא האט מען צוטיילט דעם פסוק, נפלה, זיי זענען טאקע געפאלן. אבער לא תוסיף, זיי וועלן נישט ווייטער פאלן. קום בתולת ישראל, זי זאל זיך אויפהייבן.

**דאס** איז אין כלליות פון יודישע קינדער. עס איז נישט דא קיין נפילה אין כלל ישראל. אייביג ווען עס וועט זיין א נפלה, וועט זיין א קום בתולת ישראל. אונז האב מיר עס שוין איבערגעלעבט נישט איין מאל, נישט צוויי מאל, נישט פופציג מאל. אין אלע דורות ווי עס איז געווען, אז יודען זענען געווען בשפל המצב, האט זיך עס אויפגעהויבן, קום בתולת ישראל. אונזער דור האט דאס שוין געזעהן מיט אזעלכע לעבטיגע אויגן, ווי אזוי עס איז געווען דער נפלה, און וואס עס איז געווען דער קום בתולת ישראל, ווי אזוי עס האט זיך שפעטער אויפגעשטעלט.

**אבער** מען קען טייטשן דעם פסוק נאך טיפער. עס איז נישט דריי זאכן, נפלה, עס איז געפאלן, און ער זאגט נאכדעם לא תוסיף, זי וועט נישט נאכאמאל פאלן, נאכדעם זאגט ער, קום בתולת ישראל. עס איז נאר איינגעטיילט אין צוויי חלקים. נפלה, אפילו מען איז געפאלן, וואס לא תוסיף, ער קען שוין נישט מער פאלן. ער איז שוין אזוי געפאלן, אז עס איז נישט שייך נאך א נפילה נאכדעם. קום בתולת ישראל, עס איז נישט דא קיין נפילה! דו קענסט זיין אויפן

נידריגסטן מקום, און דו קענסט דיך ווייטער אויפהייבן. זאג נישט, אז דו ביסט געפאלן, און איך קען זיך שוין מער נישט אויפהייבן. ווייל אפילו נפלה, דו ביסט אזוי ווייט געפאלן, וואס לא תוסיף, עס איז שוין נישט שייך צוצוגעבן צו די נפילה. קום בתולת ישראל, האט מען נאך אלץ א כח, אז מען זאל זיך אויפהייבן.

**און** דאס איז וואס דוד המלך סמכה ברוח הקודש, סומך ה' לכל הנופלים, וזוקף לכל הכפופים. עס איז נישט קיין חילוק וואו דיין נפילה איז געווען, טאמער דו וועסט אנהייבן צו גיין אויפן ריכטיגן וועג, וועט זיין סומך ה', דו וועסט האבן א סמיכה פונעם אייבערשטען. סמכה ברוח הקודש אז א מענטש זאל זיך קענען אויפהייבן. אפילו ווען עס איז נפלה ולא תוסיף, אפילו די נפילה איז שוין בדיוטא התחתונה, שטייט אין מדרש, והיה זרעך כעפר הארץ (בראשית כח-יד), ווען יודען וועלן זיין כעפר הארץ, די נידריגסטע מקום, אין עפר הארץ, ופרצת ימה וקדמה צפונה ונגבה, קענסט זיך אויפהייבן, און זיין ופרצת ימה וקדמה. **דאס איז דער כח פון א יוד, אונז זעמיר קיינמאל נישט פארלוירן! אונז זעמיר קיינמאל נישט מיואש, עס איז דערנאך, און איך קען זיך שוין נישט טוישן פון וואס איך בין געווען. א יוד קען זיך טוישן שטענדיג!** דאס איז דער נפלה, אפילו מען איז געפאלן, ווען עס איז לא תוסיף, מען פילט איך בין די נידריגסטע מקום, ערגערס פון דעם קען שוין נישט זיין. קען מען זיך אויך אייביג אויפהייבן, קום בתולת ישראל.

**און** דאס האט דוד המלך סומך געווען, סמכה ברוח הקודש, סומך ה' לכל הנופלים. וואס דער פשט איז, דוד המלך האט נישט אריינגעשטעלט דעם נו"ן, ווייל עס איז דא א שלעכטער פסוק דערויף, נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל. אבער ווען ער איז געקומען צום סומך ה', אז דער אייבערשטער איז סומך לכל הנופלים, איז אריינגעשטעלט געווארן מיט דעם, דער פריער'דיגער פסוק אויך. אז ווען עס איז נפלה לא תוסיף, קום בתולת ישראל, א מענטש קען זיך אויפהייבן שטענדיג.

*

**די** גרעסטע ראיה דערויף, אז א מענטש קען זיך טוישן מקצה אל הקצה איז, מען ווייסט אז יודען זענען געווען אין מצרים, זיי זענען געווען אין די נידריגסטע מדריגה וואס איז שייך, זיי זענען געווען שטופים בעבודה זרה. איין קדושה האבן זיי געהאט, אין עריות זענען זיי געווען אפגעהיטן. יוסף האט זיי גודר געווען, זענען זיי געבליבן אזוי. אבער אויסער דעם זענען זיי געווען אין די מ"ט שערי טומאה, די נידריגסטע מקום ווי מען קען זיין. עס שטייט פונעם **אר"י הק'** (לקוטי תורה פ' וירא) ולא יכלו להתמהמה (שמות יב-לט), ווען זיי וואלטן געבליבן דארט אביסל לענגער, וואלטן זיי אריין אין די שער הנו"ן. דאס מיינט נפלה, זיי זענען געפאלן, וואס לא תוסיף, מען קען שוין נישט מער פאלן, ווייל ווען מען פאלט אריין אין די נו"ן שערי טומאה, איז מען דערנאך. זיי האבן געהאלטן ביים נידריגסטן מקום.

**וואס** איז געווארן שפעטער פון די זעלבע יודען? די זעלבע יודען זענען ארויסגעקומען, זיי האבן מקבל געווען די תורה, און זיי זענען געווען פערציג יאר אינעם מדבר. אין **זוהר הק'** (ח"ג קסג.) שטייט, אז ביז משיח וועט קומען, וועט נישט זיין אזא הייליג דור, ווי דער דור איז געווען. די פשוטע יודען וואס זענען געווען אין די מ"ט שערי טומאה, די זענען אויסגעוואקסן צו זיין די שענסטע דור וואס כלל ישראל האט געהאט. די גמרא זאגט, אז אפילו נאכן שטארבן, האט געלאכטן זייערע פנים, און עס האט נישט שולט געווען קיין רמה ותולעה אין זייער גוף (פרקי דרבי אליעזר פרק מ), אזוי האבן זיי זיך מקדש געווען. קומט אויס, אפילו ווען א מענטש איז אין דעם נידריגסטן מקום, ווי מען איז געווען אין מצרים, פון דעסטוועגן דאך, האט דער אייבערשטער אונז געוויזן, די יודען פון מצרים, אין דעם נידריגסטן מקום, קענען אויסוואקסן און זיין שפעטער די שענסטע וואס כלל ישראל האט פארמאגט! דאס איז דער חיזוק וואס מען נעמט ארויס פון יציאת מצרים.

**ווען** משה רבינו פרעגט, וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, די יודען גיי איך ארויסנעמען פון מצרים? זיי זענען אין די נו"ן שערי טומאה, זיי זענען די נידריגסטע. משה רבינו האט אנגעקוקט, ווי עס איז א נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל, דאס איז אזא נפילה אז מען קען זיך פון דעם נישט אויפהייבן. האט דער אייבערשטער געזאגט, ניין, די יודען וואס דו זעהסט יעצט, וואס דו זאגסט אז זיי זענען נישט ראוי צו גארנישט, די יודען וועלן זיין בהוציאך את

העם ממצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה, די גייען מקבל זיין די תורה. פון די וועט ארויסקומען נאכדעם די שענסטע דור וואס כלל ישראל האט געהאט.

*

**און** דאס האט אים דער אייבערשטער מרמז געווען. די התגלות איז געווען בלבת אש מתוך הסנה (שמות ג-ב). סנה ווייזט דאך אויף די נידריגסטע, נישט קיין פירות, נישט קיין בלעטער. עס איז שטעכעדיג, די שוואכסטע סארט געוויקס וואס עס איז דא, איז א סנה (שמו"ר ב-ט). אש, דאס ווייזט אויף התעלות, אז מען קען זיך דערהייבן. יעדער פייער גייט אייביג נאר ארויף, ער גייט נישט אראפ. ער איז קיינמאל נישט צופרידן ווי ער איז, ער איז משתוקק צו זיין נאך העכער, און נאך העכער. איין קליינער פונק פייער, ווילאנג עס איז נישט פארלאשן געווארן, קען ווערן שפעטער א להבת אש, קען ווערן שפעטער א פייער וואס פארברענט שטעט.

**די** מראה איז געווען א התגלות פונעם אייבערשטען צו משה רבינו. דער אייבערשטער האט געזאגט, משה רבינו גייט זיך אפרעדן, און ער וועט זאגן וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, די יודען זענען פארפאלן, מען קען זיי שוין נישט ארויסנעמען פון מצרים, זיי זענען אין די מ"ט שערי טומאה, פון זיי קען נישט ארויסקומען קיין גוי קדוש, וואס דער אייבערשטער וויל ארויסברענגען. האט אים דער אייבערשטער געוויזן, בלבת אש מתוך הסנה, אפילו ווען עס איז דא א סנה, וואס דער סנה איז דער נידריגסטער וואס איז דא, קען פון דעם ווערן א לבת אש, עס קען ווערן אזוי ווי פייער, ער דערהייבט זיך, מען ווערט נאך גרעסער און נאך גרעסער, ביז פון דעם אש ווערט א גאנצע להבה. און דאס וועט ווייזן פאר משה רבינו, פרעג נישט וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, אז יודען זענען נישט ראוי. אפילו יעצט זענען זיי נישט ראוי, קוק אויפן עתיד, און דער עתיד קען זיין ביי זיי - אזוי ווי עס איז באמת געווען - אז זיי זענען געווען בלבת אש, ווען זיי זענען ארויסגעקומען פון דארט, זענען זיי אלץ נאר געגאנגען העכער, און נאך ווארימער געווארן, נאך נאנטער געווארן צום אייבערשטען, ביז זיי זענען געווארן דער שענסטער דור וואס איז געווען.

*

**ווי אזוי קומט מען צו דערצו, ווי אזוי קען זיך א מענטש טוישן. סוף כל סוף איז ער דאך אזויפיל צייט געווען אין א שפלות, ווי אזוי קען מען זיך דערהייבן? אויף דעם איז נישט דא נאר איין עצה, תורה הקדושה!** בראתי יצר הרע, בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). ווען א מענטש נוצט אויס אלע פרייע צייטן וואס ער האט, און ער גיט עס אוועק פאר תורה, דאס טוישט דעם מענטש פון וואס ער איז געווען פריער. תורה ווערט אנגערופן אש, הלא כה דברי כאש (ירמיה כג-כט), מיינע ווערטער זענען אזוי ווי פייער. אין הייליגע ספרים שטייט, א פייער ווען עס ברענט, ארבעט עס איבער די זאך וואס עס ברענט, ער זאל אויך ווערן א שטיק פייער. יעדע האלץ וואס ברענט, ווערט שפעטער א שטיק קויל, ער ווערט אזוי ווי דער אש. ווען א יוד לערנט תורה, ווערט ער א שטיק תורה, און מיט די צייט ווערט ער א חלק פון די תורה, אורייתא וקודשא בריך הוא וישראל חד הוא (זוה"ק ח"ג עג.), דורכדעם וואס א יוד לערנט תורה, און ער ווארפט זיך אריין אין אש פון תורה, וועט עס אים העלפן ער זאל קענען ארויסקומען פון וואס ער איז געווען.

**דו** פרעגסט וכי אוציא את בני ישראל ממצרים, ווי אזוי קען איך ארויסנעמען פון מצרים אזא שוואכען דור, בהוציאך את העם ממצרים תעבדון את האלקים על ההר הזה, די יודען גייען מקבל זיין די תורה, און אז מען איז מקבל די תורה, קען מען זיך טוישן פון וואס מען איז געווען. דער אש פון תורה טוט אדורכנעמען דעם גאנצן מענטש, אז ער ווערט געטוישט, זיין חומר ווערט נתהפך לצורה. און דאס איז געווען ווען יודען זענען ארויס פון מצרים, דאס האט דער אייבערשטער געלערנט פאר משה רבינו.

*

**וועגן** דעם הייבן זיך אן די ימי התשובה אין די טעג פון פרשת שמות און ווייטער, דא האבן מיר דעם כח, אז אפילו ווען א יוד איז א סנה, נפלה ולא תוסיף, אפילו ער זאל פילן, אז זיין נפילה איז שוין די נידריגסטע וואס עס איז, קום בתולת ישראל, האבן מיר אלץ א כח, אונז זאל מיר נאך קענען מתקן זיין. **א יוד נעמט זיך פאר, ער וויל גיין אויפן דרך התורה, און ער נעמט זיך צום שכל, גענוג געווען ווי אזוי מען האט זיך אויפגעפירט ביז יעצט, מען דארף מאכן גדרים וסייגים, זיך פירן ערליך, פון היינט אן גיי איך ווערן אן אנדערער מענטש פון וואס איך בין געווען,**

**באקומט ער די כוחות דערצו, הבא לטהר מסייעין אותו.** קוקן מיט דעם אויג וואס קוקט אלץ נאר די אייגענע חסרונות, קוקן מיטן צווייטן אויג צו וואס איך קען נאך צוקומען. איך האב נאך געוואלדיגע מעגליכקייטן, אז איך זאל קענען זיך דערהייבן פון וואס עס איז געווען. און אויף דעם זענען געשטעלט געווארן די טעג פון שובבי"ם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל אויסנוצן די טעג צו דינען דעם אייבערשטען, מתקן זיין וואס מען דארף מתקן זיין. מען זאל זיך קענען פירן בדרכי התורה, און אויף דעם וועג מחנך זיין אונזערע קינדער, לתורתו ועבודתו יתברך שמו. וועלן מיר אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.